- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

## גודל הנחיצות בלימוד ספרי חסידות


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

פרשת תזריע שנת תשפ"ב לפ"ק

- גליון ח -

נתנדב ע"י
ידידינו היקר שביקרים
מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

**הרוצה בעילום שמו**

**לע"נ**
הרה"ח מו"ה **משה יהודה בן צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה בת שמואל** ע"ה
מרת **לאה בת יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן בן מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א
יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה
והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד
בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו
מתוך עושר ואושר
כל ימי חייו

**כל הזכויות שמורות**
להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

שיחת קודש

# מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעת הכינוס השנתית של איגוד בחורי אנ"ש

**יום ה' לסדר בראשית תש"פ לפ"ק**

## בענין גודל הנחיצות בלימוד ספרי חסידות

**- פארווארט -**

לאור די פרישע שיעורים פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**"הקדמה לספרי חסידות"**

וועלכע איז געאייניגט פאר בחורי קודש, וואס ווילן אריינגיין אינעווייניג די שערי קדושה, און פארשטיין אביסל די טיפקייט און לעכטיגקייט פון די הייליגע ספרים פון רבותינו ומאורינו תלמידי מרן הבעל שם טוב הקדוש זי"ע.

ברענגן מיר אראפ א שמועס פונעם רבינו שליט"א איבער די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון לערנען ספרי חסידות, וואס איז איבערגעגעבן געווארן ביי די מעמד 'כינוס השנתית של איגוד בחורי אנ"ש' - שנת תש"פ לפ"ק.

### מען קען נישט איבערדרייען א זאך פארקערט פון איר יסוד

עס איז ידוע די ווארט פון דער הייליגע מגיד (המגיד הגדול מ'מעזריטש) זללה"ה, אז עס איז נישט מעגליך צו טוישן א מציאות כל זמן די יסוד איז נישט געטוישט געווארן.

למשל אויב וועט מען אויפגעקאכן א טאפ וואסער אויף די העכסטע פלאם, און עס וועט ווערן קאכעדיג הייס, איז די מציאות אז ווילאנג די פייער אונטערן טאפ וועט ברענען, וועט די טאפ וואסער זיין הייס, אויב נישט, וועט די טאפ זיך צוביסלעך אפקילן און צוריק ווערן קאלט, ווייל ביסודו איז די טאפ קאלט, סיי די טאפ איז בטבע קאלט און אזוי

אויך איז די וואסער בטבעו קאלט, מען קען עס נאר אנהייצן, אבער מ'קען עס נישט טוישן און מאכן פאר אן אנדערע מציאות פון וואס עס איז באמת ביסודו, אבער ווי לאנג עס ליגט העכער פייער קען עס שטיין שעות על גבי שעות אין בלייבן הייס ווייל עס איז העכער פייער וואס די יסוד פון פייער איז הייס.

די מענטש איז געבויעט פון א גוף וואס ציט צו אנדערע זאכן, אנדערש ווי צו תורה און עבודה וכו', אבער ער האט אין זיך א ווארימע זאך, דאס איז די נשמה וואס דאס ברענט כסדר, די נשמה פלאקערט, די נשמה ציט צו דינען דעם אויבערשטן, אבער ער איז ארום געפאנצערט מיט א אייז קאלטע זאך - וואס דאס איז דער גוף.

און אפילו א מענטש זאל זיך אנווארעמען וויפיל ער קען, אבער וויבאלד די מציאות פונעם גוף איז ביסודו קאלט, דארף מען דאך זוכן אן עצה אז די פייער וואס ברענט זאל בלייבן ווייטער ברענען און זיך נישט אויסלעשן.

**"אפילו א מענטש זאל זיך אנווארעמען וויפיל ער קען, אבער וויבאלד די מציאות פונעם גוף איז ביסודו קאלט, דארף מען דאך זוכן אן עצה אז די פייער וואס ברענט זאל בלייבן ווייטער ברענען און זיך נישט אויסלעשן"**

דערפאר האט דער אויבערשטער געטון מיט אונז א גרויסע חסד, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן ימים טובים, וואס ימים טובים זענען מורא'דיגע זמני עליה וואס מ'קען זיך אנווארעמען.

אזוי אויך האט דער אויבערשטער געטון מיט אונז א גרויסע חסד אפילו בזמן הזה, וואס דאס זענען די ישיבות וואס מ'שטעלט צו אז בחורי קודש זאלן קענען טאקע וואקסן און שטייגן, און מ'שטעלט זיי צו אלע גשמיות'דיגע צוגעהערן, מ'שטעלט זיי צו מגידי שיעורים, מחנכים, ראשי ישיבות, משגיחים, וואס זאלן קענען טאקע מחנך זיין די דור ווי עס דארף צו זיין.

## די כח פון אונזער מסורה

אבער עס איז דא איין זאך - אחרי ככלות הכל - וואס דאס געבט די כח אז דאס פייער זאל קענען ממשיך זיין און ווייטער ברענען, און מען האט דאס מען גענוצט אלע יארן און אלע זמנים, דאס איז געווען די כח פון "מסורה" וואס אונזערע רבי'ס, ראשי ישיבות, מחנכים, האבן אונז איבער געגעבן מדור דור.

דאס איז בעיקר געווען ביי די חסידישע מקומות, וואס דאס איז געווען דורך די ספרי קודש, וואס אונזערע רבי'ס פון איבער 200 יאר צוריק - פון די צייטן פונעם בעל שם טוב הק' און ווייטער - האבן איבערגעלאזט פאר די דורות.

(און דאס איז אויך ידוע אפילו ביי די ליטווישע וועלט, די גרויסע משגיחים ביי די ליטווישע, פון די גאר גרויסע וואס זענען געווען באמת גרויסע משפיעים, איז געווען ביי זיי זייער שטארק די כח המסורה, הגם וואס אויף דעם איז נישט דא פון זיי קיין גרויסע חומר).

וואס פונקטליך זיי האבן אינזין געהאט בשעת זיי האבן געשריבן די הייליגע ספרים, פארשטייען אונז דאך אליינס, אז אונז גייען זיך נישט נער'ן און טראכטן אז מיר קענען משיג זיין זייערע השגות. אבער די כח וואס דער בעל שם טוב זי"ע האט אריינגעגעבן אין זיינע תלמידים, און זיי האבן דאס ווייטער איבערגעגעבן אין זייערע ספרים, דאס איז דער פייער אונטערן טאפ, וואס האלט די טאפ הייס, און אז ס'זאל קענען ווייטער ברענען.

און אזוי איז מקובל דורי דורות ביי ממש אלע חסידות'ן, אז אלעס איז די כוח פון בעל שם טוב זי"ע, פארשטייט זיך אז מען מיינט נישט ח"ו צו זאגן אז ס'איז נישט דא א באשעפער אויפ'ן וועלט, נאר דאס וואס דער אויבערשטער האט געגעבן געוויסע כוחות דורך דער בעל שם טוב, וואס ער האט דאס אריין געלייגט אין זיינע תלמידים ווי למשל דער הייליגע תולדות און נאך, דאס איז דער פייער וואס קאכט און ברענט ביזן היינטיגן טאג.

דאס וואס די תלמידי הבעש"ט האבן געשריבן און געזאגט זייער תורות אויף גאר הויכע מדריגות, האבן זיי נישט גערעדט סתם אזוי, זיי האבן נישט גערעדט צו זיך, און עס איז נישט געמאכט נאר פאר בני עלי', זיי האבן עס געשריבן אין א ספר פאר יעדער איינער, און זיי האבן אונז איבערגעלאזט אן אש קודש וואס קאכט און ברענט, וואס יעדער איינער קען זיך דערפון לערנען און זיך דערווארעמען אין עבודת השי"ת.

**"דאס וואס די תלמידי הבעש"ט האבן געשריבן זייערע תורות אויף גאר הויכע מדריגות, האבן זיי נישט גערעדט סתם אזוי, עס איז נישט געמאכט נאר פאר בני עליה, זיי האבן עס געשריבן פאר יעדעם איינעם, זיי האבן אונז איבערגעלאזט אן אש קודש וואס קאכט און ברענט, וואס יעדער איינער קען זיך דערפון לערנען און זיך דערווארעמען אין עבודת השי"ת"**

## די הייליגע ספרים ברענגען ארויס אונזער גרויסע כוחות הנשמה

דאס מיינט אזוי, פונקט אזוי ווי יעדער איינער פארשטייט זיך אליין אויכט נישט, און האט נישט באמת ארויס זיינע כוחות, ווייל ווען א מענטש וואלט געוואוסט וואס זיינע כוחות זענען באמת, וואלט ער נישט געהאט קיין שום פראבלעם.

וויבאלד דער אויבערשטער האט אריין געפלאנצט אין אונז א נשמה, און די פייער פונעם נשמה הערט נישט אויף צו ברענען, אזוי ווי א פייער וואס ברענט אונטער א טאפ און די טאפ קאכט יעדער רגע. נאר וואס דען, דער מענטש איז בלינד אויף דעם, דער יצר הרע מאכט דער מענטש בלינד אז דער פייער אונטער די טאפ ברענט נישט.

אבער כדי עס זאל יא ברענען און מען זאל קענען לעבן דערמיט, איז דא די הייליגע ספרים וואס זענען געשריבן פאר די נשמה פון די מענטש, און די ספרים הקדושים זיי זענען דאס וואס צינדט אן דער מענטש.

אזוי ווי דער אהבת שלום זי"ע שרייבט: יבואון אלי - מענטשן קומען צו מיר וועגן נארישקייטן מ'דארף זיך מתגבר זיין אויף א תאוה, מען דארף זיך מתגבר זיין אויף דעם און אויף יענץ. ידעתי חוקי אלוקים ותורתיו - איך בין נאר מעורר די נשמה און ווען איך רעדט צו די נשמה צינדט זיך עס אונטער.

א מענטש ווערט מורא'דיג אונטער געצינדן פון די הייליגע דיבורים פון די ספרים הקדושים, עס איז דא א געוויסע הייליגע שפראך אין די ספרים הקדושים, וואס מען האט עס געשריבן פאר אונז, און מען האט עס געשריבן צוליב א סיבה. דער אויבערשטער האט אונז איבער געלאזט פייער'דיגע דיבורים הקדושים, די ווערטער פונעם הייליגן בעל שם טוב, די ווערטער פונעם הייליגן תולדות, און די דיבורים פון אלע ספרים הק' וואס איז געשריבן ספעציעל צו אונזער נשמה.

## גדלות תורת הבעש"ט וואס שיינט אריין אין די נשמה פון יעדע איד

עס איז דא א באקאנטע מעשה מיט 'רב ייבי' (הרה"ק רבי יעקב יוסף מאוסטראהא זי"ע) אז ער איז אמאל געקומען באזוכן דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף', (ס'איז נישט קלאר ווי אלט דער תולדות איז דעמאלטס געווען, יש אומרים 100 יאר, וי"א 90 יאר, ער איז דאך געווען לויט געוויסע גירסאות עלטער פונעם בעל שם טוב זצ"ל, ער האט מאריך ימים געווען 20 יאר נאכ'ן בעל שם טוב ז"ל, ער איז אוועק בערך אין שנת תרמ"ג - תרמ"ד, און דער בעל שם טוב ז"ל איז אוועק שנת כת"ר - תר"כ), און רב ייבי האט געבעטן פון דער תולדות אז ער זאל נאכזאגן א ווארט פונעם הייליגן בעש"ט זי"ע.

דער תולדות איז שוין דעמאלטס געווען א זקן מופלג, ער איז געלעגן אין בעט זייער שוואך, און ווען ער האט זיך צוגעגרייט צו זאגן א ווארט פונעם בעש"ט, האט ער זיך געגעבן א הייב אויף פון בעט, און ער האט זיך גענומען קאכן און ברענען, אז ס'איז ממש געגאנגען א פייער, און אזוי האט ער אנגעהויבן צו זאגן א מאמר פונעם בעל שם טוב זי"ע.

**"ווען ער האט זיך צוגעגרייט צו זאגן א ווארט פונעם בעש"ט, האט ער זיך געגעבן א הייב אויף פון בעט, און ער האט זיך גענומען קאכן און ברענען, אז ס'איז ממש געגאנגען א פייער, און אזוי האט ער אנגעהויבן צו זאגן א מאמר פונעם בעל שם טוב זי"ע"**

ווען דער תולדות ברענגט אין זיין ספר די ווערטער **"שמעתי ממורי"** האט מען ביי חסידים אנגערופן די ווערטער "אש שחורה ע"ג אש לבנה", און דאס איז געווען די יסוד פון חסידות.

דאס הייסט אזוי, ס'איז נישט סתם אזוי געשריבן **"שמעתי ממורי"**, כאילו דער רבי האט געזאגט א תורה'לע, א שיינע טייטש אינעם פסוק, יא פארשטאנען נישט פארשטאנען.

ס'איז בכלל נישט געווען אינטערעסאנט צו מען האט יא פארשטאנען אדער נישט פארשטאנען, די ווערטער זענען געווען הייליגע פייער'דיגע ווערטער, עס איז תורות הבעל שם טוב וואס רעדט צו די נשמה.

און באמת מען וואלט זיך געדארפט אראפזעצן און לערנען מיט די עולם די אלע 'שמעתי ממורי' וואס דער תולדות ברענגט פונעם בעל שם טוב זי"ע, אבער די תורות איז נישט אזוי גרינג, עס איז זייער שווערע און טיפע תורות, און דער תולדות אין זיין ספר פרובירט עס צו מסביר זיין.

הגם דער תולדות איז אויך א שווערע ספר, אבער ס'איז ווייטער די זעלבע נקודה, ס'איז הייליגע ווערטער, און עס איז באקאנט אז אין די רוסישע פלעצער האט מען נאר געלערנט ספרי התולדות.

דער מחנובקער רבי זצ"ל וואס איז געווען באקאנט אלץ גאר א גרויסער מתמיד, ווען מען האט אים נאר געזען איז ער געזיצן אדער מיט א גמרא אדער מיט א תולדות, דאס האט ער געטון, דאס האט מען געזען. מען האט אים געקענט זען זיצן אסאך שעות און לערנען גמרא אדער תולדות.

די נקודת הדברים איז אז די הייליגע ספרים רעדן צו די נשמה, ס'איז דא ספרים וואס אביסל פארשטייט מען יא, זיי האבן גערעדט מער פרטיות'דיג, א שטייגער ווי למשל די ספר וואס מ'נוצט אסאך איז 'תפארת שלמה', דער ספר תפארת שלמה איז א ספר וואס די שטיקלעך אויף יעדע פרשה, זענען ברענעדיגע שטיקלעך אז ס'איז ממש אן אש קודש וואס צינדט אונטער די טאפ, די טאפ ברענט די טאפ איז הייס, די טאפ קאכט.

**"עס איז בכלל נישט געווען אינטערעסאנט צו מען האט יא פארשטאנען אדער נישט פארשטאנען, די ווערטער זענען געווען הייליגע פייער'דיגע ווערטער, עס איז תורות הבעל שם טוב וואס רעדט גלייך צו די נשמה"**

## די גרויסע כוחות וואס יעדער איינער פארמאגט

דער אויבערשטער האט געגעבן פאר יעדעם איינעם מורא'דיגע כוחות, עס איז נישט דא א מענטש אין דער וועלט וואס קען זאגן אז איך קען נישט, ס'איז נישט דא אזא מציאות, מענטשן רעדן זיך נאר איין אז זיי קענען נישט.

אזוי ווי ווען מען וועט פרעגן אסאך מענטשן פארוואס לערנסטו נישט? וועט ער ענטפערן: פארוואס איך לערן נישט? דער אויבערשטער ווייסט מיינע נסיונות, דער אויבערשטער פארשטייט מיך, דער אויבערשטער אהער, דער אויבערשטער אהין...

אזוי ווי ס'איז דא אסאך מענטשן (יודען) וואס רופן זיך, אז זיי האבן א דזשואי"ש הארט (jewish heart) וואס דאס מיינט ווייסט יעדער איינער... אז... לא אמר כלום... אין אנדערע ווערטער איך האלט נישט ביי גארנישט...

עס שטייט אין אלע ספרים הק', און דער בעל שם הק' האט דאס אסאך מאל געזאגט, און דער מגיד שרייבט עס כסדר, אז מלאכים און שרפים זענען נתפעל פון עבודת בני ישראל.

פון וואס ווערן זיי נתפעל? פון נאר א אידיש הארץ? פאר דעם ווערן זיי נישט נתפעל! ס'איז דא אסאך אידן וואס האבן אידישע הערצער, וואס איר ווילט נישט ווערן קיין איידעם ביי זיי... נישט פאר דעם ווערן מלאכים ושרפים נתפעל.

ס'איז טאקע אמת אז 'ועמך כולם צדיקים', אבער עס איז דא אסאך מדריגות פון צדיקים, און יענע סארט צדיקים זאלן זיך משדך זיין מיט זייערע צדיקים... יעדער איינער איז זיך משדך מיט זיינע צדיקים.

אבער מען דארף וויסן אז דער אויבערשטער האט יעדעם איינעם געגעבן כוחות אז ער זאל קענען וואקסן און בליען כאחד מן הגדולים, כאחד הגדולים ממש, נישט דא קיינער וואס קען זאגן איך קען נישט, נישט דא אזא מציאות, נאר וואס דען, דער פראבלעם איז אז די טאפ דארף זיך האלטן ווארעם, און אז די טאפ זאל זיך קענען האלטן ווארעם איז זייער שווער.

און פאר די צוועק האט דער אויבערשטער אונז איבער געלאזט די ספרים הקדושים וואס זיי האלטן די טאפ זאל בלייבן ווארעם, ס'איז א ספעציעלע שפראך וואס זיי רעדן, יעדעס ווארט דארטן איז געמאסטן, יעדעס ווארט איז איבערגעגעבן, און דבריהם עושים רושם, פאר דעם איז דאך באוואוסט אז עס איז דא א באזונדערע יצר הרע נישט צו לערנען די הייליגע ספרים.

**"דער אויבערשטער האט געגעבן פאר יעדעם איינעם כוחות אז ער זאל קענען וואקסן און בליען כאחד מן הגדולים ממש, נישט דא קיינער וואס קען זאגן איך קען נישט, נישט דא אזא מציאות. נאר וואס דען, דער פראבלעם איז אז די טאפ דארף זיך האלטן ווארעם, און אז די טאפ זאל זיך קענען האלטן ווארעם איז זייער שווער"**

## דער יצר הרע פארלייגט זיך נישט צו לערנען די הייליגע ספרים

איינע פון די שוואכקייטן וואס אונזער דור האט, איז אז מען לערנט נישט די הייליגע ספרים, מ'האט זיך אריין געלאזט

אין אנדערע לימודים, אלעס איז וואויל און אלעס איז זיס, און ס'איז אמת אז אלעס דארף מען האבן, און אלעס איז וויכטיג.

אבער אזוי ווי מ'זאגט קיינער נעמט נישט ארויס היינט קיין שו"ת שואל ומשיב און לערנט דורך א לאנגע תשובה פון עטליכע בלעטער, קיינער נעמט נישט ארויס קיין שו"ת מנחת יצחק און טוט דורך צענדליגע סימנים, דאס איז געשען די לעצטע פאר יאר, פארוואס? ווייל מען האט שוין מער נישט קיין געדולט, עס איז צו לאנג, עס מאכט נערוועז.

**"פארוואס טאקע האסטו נישט קיין געדולד? ווער מאכט דיר נישט האבן קיין געדולד? דער תירוץ איז, ווייל דער שטן ווייסט אז דאס גייט אים פארברענען, ער ווייסט אז די ווערטער וואס די צדיקים האבן געשריבן פארברענט די גשמיות פון די מענטש"**

היינט דארף מען שרייבן קליינע פנינים, נישט מער ווי דריי - פיר שורות, קורצע ווערטער, ווייל היינט האט מען מער נישט קיין געדולט. איך מאך נישט אוועק די אלע היינטיגע גליונות וואס קומען ארויס, די אלע גליונות וואס קומען היינט ארויס איז טאקע מורא'דיגע זאכן, און ס'איז באמת גרויסע חיזוק זאכן. אבער, מען דארף וויסן אז א מענטש ווערט מורא'דיג אונטער געצינדן פון לערנען די הייליגע דיבורים פון די ספרים הקדושים, און דערפאר איז דא א באזונדערע יצר הרע וואס פארלייגט שטארקע כוחות אז מען זאל נישט לערנען היינט די ספרים הקדושים.

מען דארף פארשטיין וואס דאס מיינט ווען א מענטש זאגט: איך האב נישט קיין געדולד... ס'מאכט מיך נערוועז... ס'איז אזוי ווי איינער ברענגט בענזין אדער אויל צו גיסן אויף א פייער.

פארוואס טאקע האסטו נישט קיין געדולד? ווער מאכט דיר נישט האבן קיין געדולד? דער תירוץ איז, ווייל דער שטן ווייסט אז דאס גייט אים פארברענען, ער ווייסט אז די ווערטער וואס די צדיקים האבן געשריבן פארברענט די גשמיות פון די מענטש.

ממילא פארלייגט ער גרויסע כוחות, ער שיקט אים דא און שיקט אים דארט, מען שיקט אים צו קוקן דא און צו קוקן דארט, פיינע שמוס'לעך, חיזוק שמוסלעך. עס איז אזוי ווי ציגארעטליך, ס'איז אפשר גוטע ציגארעטליך, אבער ווען עס ענדיגט זיך דארף מען נאך איינס, אזוי אויך די טאפ גייט זיך אפקילען, און גייט נישט בלייבן הייס.

אבער וואס עס ארבעט יא, וואס דאס איז דער עיקר זאך וואס איז שווער פאר בחורים צו לערנען, דאס איז די ספרי תלמידי בעל שם הק', און מאיזה טעם שיהי' איז נישט איינגעפירט אין ישיבות צו לערנען, און דאס איז א גרויסע קשיא, **פארוואס איז מען נישט מחנך בחורים צו פארשטיין ספרי חסידות? מ'קען טאקע רעדן בענין חסידות, דברי חסידות, אבער מען לערנט נישט פון אינווייניג די ספרי החסידות**, איך ווייס נישט פארוואס עס איז אזוי היינט, אבער ווען איך בין געווען מגיד שיעור האב איך יא געלערנט קדושת לוי מיט יעדן בחור.

## אז מען איז זיך מרגיל אין די ספרים זעט מען א געוואלדיגע הצלחה

פארדעם בעט מען, אז היות מ'וועט יעצט פראבירן אז יעדער איינער זאל יא לערנען ספרי חסידות פון פריער'דיגע צדיקים, זאל מען זיך איינגעוואוינען צו לערנען אין די ספרים, **און ווען מען איז זיך מרגיל צו לערנען די הייליגע ספרים, זעט מען א מורא'דיגע הצלחה.**

בחורי קודש הצמאים לדבר ה' מוטשען זיך מיט פארשידענע ענינים אויף מחשבות, עניני קדושה, התמדת הלימוד, זיך האלטן זיך ריין מיט אלע גוטע זאכן, מען זוכט פארשידענע עצות, מען גייט פרעגן דער און יענער, אלעס איז זייער גוט - און פארקערט - מען זאל יא פרעגן, און אויב מען ווייסט פון אן ערליכע איד דארף מען אים נאכלויפן און בעטן ער זאל העלפן.

אבער וואס עס ארבעט זיכער אן קיין ספק, דאס איז די ווערטער פון די ספרים הקדושים פון די פריער'דיגע צדיקים, ס'ארבעט מורא'דיג, עס

איז בדוק ומנוסה, עס קאכט אויף א מענטש, עס רעדט גלייך צו די נשמה, און האלט א מענטש העכער פון אלע עניני עולם הזה.

נאר איין זאך וואס מען זאגט כסדר - און איר זאלט עס שטענדיג געדענקן - די וואס זעצן זיך אוועק ביי א נועם אלימלך מיט א קאווע פאר'ן דאווענען מיט א ברייטקייט. ער טרינקט א קאווע און דער משגיח זאגט אים, בחור'ל, נישט אזוי לערנט מען נועם אלימלך, ענטפערט דער בחור'ל, ניין, איך לערנען נישט קיין נועם אלימלך, איך טרינק א קאווע...

פון דעם דארף מען זיך היטן, ווייל מען קען נישט לערנען די ספרים אנגעלאנט אין בעט, עס איז א גוטע זאך צו נעמען א ספר אין בעט, דאס איז נישט דער פראבלעם, אדרבה איינצושלאפן מיט אזא ספר איז גארנישט אזוי שלעכט, אבער נישט אזוי דארף מען דאס לערנען, **מען דארף דאס לערנען בכובד ראש, אזוי ווי מ'לערנט א תוספות, אזוי ווי מ'לערנט א שווערע גמרא ווייל דאס רעדט צו די נשמה אין דאס ברעכט דער יצר הרע,** און טאקע וועגן דעם לאזט ער נישט, ווייל ער היט זיך פון דעם כמטחוי קשת, און ליידער קומט ער אן זייער ווייט.

## די הייליגקייט און ריינקייט פון א בחור

די פריערדיגע דורות איז אויך געווען זייער שווער, אונז זענען נישט די ערשטע דור וואס מוטשעט זיך און נישט די לעצטע, מען האט זיך אייביג געמוטשעט מיט נסיונות, און טאקע פארדעם האט מען אונז אייביג איבער געלאזט צדיקי אמת בימים ההם ועד היום הזה, און וואו ס'איז דא אן ערליכער איד דארף מען אים טאקע נאכלויפן און באקומען עצות אין עבודת ה'.

אבער איין זאך דארף מען וויסן, פון וואו זיי זענען געקומען? ווי אזוי זענען זיי געווארן ערליכע אידן? ווי אזוי האבן זיי זיך דערהויבן און צוגעקומען צו די מדריגות, פאר זיי איז דאס אויך נישט געווען גרינג, זיי האבן זיך אויך געמוטשעט.

**"דוקא אלץ בחור, ווען ער איז אינמיטן די ריינ'סטע יארן, די לעכטיגסטע יארן. דאס זענען די ברענעדיגע יארן ווען א מענטש דארף זיך אוועקשטעלן פעסט, און זאל זיין א בוחר – א בוחר בטוב – אזוי ווי די פסוק זאגט (דברים ל, יט) ובחרת בחיים"**

נאר איין זאך, זיי האבן געארבעט אויף זיך, זיי האבן זיך געלערנט, און ווען מ'ווערט עלטער און עלטער קען מען גיין העכער און העכער, ביז מען קומט אן צו גאר הויכע מדריגות.

אבער די מציאות איז, אז דער עיקר צייט איז אין די יונגע יארן, א בחור איז א ריינע הייליגע זאך, און וויפיל א בחור רעדט זיך איין אז ער איז שוואך און האט נישט די כוחות צו שטייגן, למעשה איז ער א ריינע זאך, עס איז 'הבל פיהם של תינוקות של בית רבן', אזוי ווי עס איז באקאנט וואס עס שטייט פון הגאון רבי זרח איידליץ זצ"ל אינעם ספר 'אור לישרים' (דרוש א' ד"ה ואני האוהב אתכם) אז הבל פיהם של תינוקות של בית רבן איז ביז די 20 יאר.

א בחור מיינט אז ווען איך וועל ווערן עלטער וועל איך באקומען העכערע השגות, איך וועל מער אנקומען אין עבודת ה', אבער באמת לא הי' ולא נברא, דוקא אלץ בחור, ווען ער איז אינמיאן די ריינ'סטע יארן, די לעכטיגסטע יארן, דאס זענען די ברענעדיגע יארן ווען א מענטש דארף זיך אוועקשטעלן פעסט, און זאל זיין א בוחר - א בוחר בטוב - אזוי ווי די פסוק זאגט (דברים ל, יט) 'ובחרת בחיים'.

און א מענטש האט אין זיך א יצר הרע וואס שלאגט זיך אים כסדר און וויל אים דערווייטערן פון אלע גוטע זאכן, און ער שלאפט נישט קיינמאל ביי קיינעם, אזוי ווי מען זעט אין פרשת בראשית, אז דער אויבערשטער אליינ'ס האט אנגעזאגט פאר אדם הראשון, איך האב דיר באשאפן און איך זאג דיר אן, 'מכל עץ הגן תאכל' פון אלע ביימער פון די וועלט מעגסטו עסן, אבער פון איין בוים זאלסטו נישט עסן. כאילו דער אויבערשטער זאגט אים קענסט גיין אויף די גאנצע וועלט אויף איין גאס זאלסטו נישט גיין. ווילאנג האט געדויערט ביז ער האט

נישט געפאלגט? עס שטייט אין זאגן חז"ל אז עס איז כמעט נישט געווען קיין צייט פון די ציווי ביז ער האט געגעסן פון די עץ הדעת.

אזוי אויך איז געווען בשעת מתן תורה ווען מען האט געהערט דברי אלקים חיים, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (מכות כד.), 'אנכי ולא יהיה לך, מפי הגבורה שמענו'. און פונדעסטוועגן גלייך נאכדעם איז מען געשטאנען ביי א נסיון פון די עגל, און מען זאגט 'אלה אלהיך ישראל'.

וואס מען זעט פון דעם איז, אז מ'קען הערן פון דעם אויבערשטן אליינ'ס - דברי אלוקים חיים - און דאך אדורכפאלן, ווייל דער מענטש איז דאך געבויעט פון א יצר הרע וואס גייט אים נישט לאזן פאלגן. און אויב ס'איז נישט דא עפעס וואס האלט אן די פייער, וועט זיך עס נישט האלטן אפילו פאר א שעה צייט.

**"פארדעם דארף מען האבן די ספרים הקדושים, כדי מען זאל קענען קאכן און קאכן אז די פייער זאל האלטן און איין ברענען, און עס זאל אים האלטן שטארק אז ער זאל זיך נישט צוברעכן"**

פארדעם דארף מען האבן די ספרים הקדושים, כדי מען זאל קענען קאכן און קאכן און די פייער זאל האלטן און איין ברענען, און עס זאל אים האלטן ער זאל זיך נישט צוברעכן. און אזוי האט אונז דער רבוש"ע אויסגעלערנט תיכף בשעת בריאת האדם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית ב, יח) 'לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו', מען מוז האבן עפעס וואס זאל ראטעווען דער מענטש, מען מוז האבן עפעס וואס געבט אים כח און מח, עפעס וואס זאל אים געבן דעת מיט השגות.

זאל די אויבערשטער העלפן בזכות די אלע הייליגע צדיקים נבג"ם, אז מען זאל קענען ארויסברענגן אונזערע אייגענע טיפע כוחות וואס אונז האבן, מען זאל קענען וואקסן און בליען, מ'זאל קענען האבן א ברען און קאך, און יעדער איינער זאל האבן 'אמונת עצמו', גלייבן אין די כוחות, און גלייבן אין וויסן אז ער וועט מצליח זיין. און מען זאל נאר נישט פארגעסן פון דער עיקר, וואס דאס איז דער אויבערשטער אליין,

וואס טראכטן פון דעם אויבערשטן ברענגט א מורא'דיגע קדושה און טהרה אויף דער מענטש, פשוט טראכטן אז דער אויבערשטער שטייט מיט יעדעם איינעם און וויל העלפן, און העלפט יעדעם איינעם, דער אויבערשטער איז דער אמת'דיגע פייער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ד, כד) אז דער אויבערשטער ווערט אנגערופן 'אש אוכלה הוא', ער קאכט און ברענט אין דער מענטש, און וויל רעדן צום מענטש.

און מען זאל זוכה זיין אז דער אויבערשטער זאל אראפ ברענגען אויף אונז א רוח טהרה ממרום און מען וועט טאקע זוכה זיין צו לעכטיגע זיסע פייער, ביז מען וועט זוכה צו די גאולה שלימה ב"ב אמן.